START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1907-1

Schonberg, Moscheh.
Shoshanah : drame in dray aktn.
Vin, 1936.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1907.1

Schonberg, Moscheh.
Shoshanah : drame in dray aktn.
Vin : farlag "Baginen"; hoyptfarkoyf: farlag A. B. Tserata, 1936.
46 p. ; 23 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh.

ID : NXYH94-B74 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: 9618 (Vilna)

Reduction ratio X 10.0

N.C.

משה־שײנבערג:

שושנה

דראמע
אין
3-אקטן.

פֿאַרלאַג „באַגינען“, ווין / הויפּטאַרקויף: פֿאַרלאַג א. ב. צעראַטאַ, ווין

9618

עמינדב לוין ברחל מכל פרוס

לזכרון

[illegible]

[illegible]

Michael Preus

Wien 1936

משה שיינבערג: שושנה

מיין ליבן פֿאָטער ז״ל צום אָנדענק

משה שיינבערג

ש ו ש נ ה

דראמע אין דריי אקטן

9618

00024.11
MICROFORM

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH, INC. N.Y.

1 9 3 6

פארלאג „באגינעף, ווין

הויפטפארקויף: פארלאג א. ב. צעראטא, ווין

די שפּילערס:

חילקיהו

שושנה / די טאָכטער פֿון חילקיהו

יהויקים / דער מאַן פֿון שושנה

דניאל / אַ נביא

ערשטער שופט

צווייטער שופט

ערשטער דינער

צווייטער דינער

ערשט מיידל / באַ שושנהן

צווייט מיידל / באַ שושנהן

●

פֿאָלק

●

געריכטסדינער

●

אין דער צייט פֿון גלות בבל

●

זיגמונט וואָלפֿזאָן האָט צו דער דראַמע פֿאַרפֿאַסט אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע / אַלע רעכט געהערן דעם מחבר

שער־בלאַט געצייכנט פֿונם מחבר / דרוקעריי רייטער און שותפים, ווין, צווייטער באַצירק, טאַבאָרשטראָז נר. 52*b*

moscheh schönberg: schoschanah, drama in drei akten / copyright 1936 by verlag „baginen", wien, 20. bezirk, jägerstraße nr. 3/6

buchdruckerei reiter und co., wien, 2. bezirk, taborstraße nr. 52b

די שפילערס:

חילקיהו

שושנה / די טאָכטער פֿון חילקיהו

יהויקים / דער מאַן פֿון שושנה

דניאל / אַ נביא

ערשטער שופט

צווייטער שופט

ערשטער דינער

צווייטער דינער

ערשט מיידל / באַ שושנהן

צווייט מיידל / באַ שושנהן

●

פֿאָלק

●

געריכטסדינער

●

אין דער צייט פֿון גלות בבל

●

זיגמונט וואָלפֿזאָן האָט צו דער דראַמע פֿאַרפֿאַסט אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע / אַלע רעכט געהערן דעם מחבר

שער-בלאַט געצייכנט פֿונם מחבר / דרוקעריי רייטער און שותפים, ווין, צווייטער באַצירק, טאַבאָרשטראָז נר. 52b

moscheh schönberg: schoschanah, drama in drei akten / copyright 1936 by verlag „baginen", wien, 20. bezirk, jägerstraße nr. 3/6

buchdruckerei reiter und co., wien, 2. bezirk, taborstraße nr. 52b

ע ר ש ט ע ר   אַ ק ט

(זומער. שאַריען. מען הערט שופֿר־בלאָזן. אויף דער בינע ווערט ליכטיקער. אין האַלבקרײַז שטייט חילקיהוס הויז, אַן אײנפֿאַכע שטיינפֿאַסאַדע, אויסגעבויט מיט ברייטע טרעפּ און פֿענצטער מיט גראַטעס. רעכטס און לינקס איז אַ גאָרטן, אײנגעצוימט מיט שטאַכײַטן.
פֿון פֿאָרנט פֿירט אַ ברייטער וועג. פֿון
הינטער דער בינע הערט מען שושנהן).

ש ו ש נ ה: אויפֿן פּאַס צווישן אפרת און טיגער
פֿאַרטריבן, פֿאַרוואָרפֿן, ליגן מיר
שוועסטער און ברידער.
וועק אויף, מײַן זון,
באַלײַכט פֿאַרמויערטע, אָפּגעצוימטע
נאָרעס און בערג. אומגעלומפּערטע
ווילד־יאָגנדיקע שאָף, דײַנע קינדער.
גאָט, האָסט זיי פֿאַרוואָרפֿן
אויף שטראָפּלאַגער.
גאָט! גאָט — דערנענטער, הער.
הער מײַן תפילה! ווערטער.
שענק מיר דײַן גנאָד,
גאָט!
דײַן שכינה בענקט
צום לאַנד, וואָס האָסט אונדז געשענקט.

(עס ווערט ליכטיקער. פֿונעם הויז קומט אַרויס דער
ערשטער דינער און טראָגט אַן איימער. ער גענעצט).

ע ר ש ט ע ר   ד י נ ע ר: שטיקעדיק די לופֿט.
די נאַכט איז הייס,
גנבים טרײַבן שפּאַס.

(פֿונם הויז קומט אַרויס דער צווייטער דינער. ער קוקט זיך אַרום).

צווייטער דינער: וואָס הערט מען נייעס,
האָסט נאָך קראַפֿט?
ערשטער דינער: נייעס?
נישט געהאַט קיין רו.
צווייטער דינער: (חידושט זיך) גאָר קיין רו?
ערשטער דינער: די צייט פֿון רייפֿן פֿרוכט,
אויבסט, וואָס הענגט, ברעכט
אַלע ביימער, צווייגן,
פֿאַרגלוסט זיך צו פֿליקן,
עס פֿאַרכאַפּט דאָס אויג.
צווייטער דינער: אמת. ווער קען מאָלן?
קוים אויסגעקילטשעט —
שוין אויפֿגעבליט.
ניין. מען טאָר נישט טוען אַ דרימל.
ערשטער דינער: ניין. עס איז דעם האַרס באַפֿעל.
שוין באַלד קומען די קעמלען
לאָרענען די זאַטקייט.
קום צו דער אַרבעט.

(פֿון הינטער דער בינע הערט מען שושנהן מיט אַ תפילהדיק קול).

שושנה: איך גלויב, ליב.
שענק מיר גאָט,
וואָס עס געהער פֿאַר אַ ווייב!
האַלט מיך מיט דיין פראַכט —
האַלט מיך מיט דיין שיינקייט.
ערשטער דינער: ווער רעדט דאָס?
צווייטער דינער: די פֿרוי פֿונם הויז.
אַ נשמה מיט אַ טיף באַגער.
איר בענקען איז אומקער.
האָסט זי נאָך קיינמאָל נישט געהערט?

ערשטער דינער: ניין. נאָך קיינמאָל געהערט.
צווייטער דינער: טאָ הער:
ווען די שוואַרצע נאַכט פֿאַרזינקט,
גייט זי אַהינצו
יעדן טאָג אין דער פֿרי.

(ער ווייזט מיט דער רעכטער האַנט צו דער זון).

צום וועג פֿונם זון־אויפֿגאַנג.
ערשטער דינער: אַזוי פֿרי — אין צייט פֿון פֿרי־אשמרה?
צווייטער דינער: אין דער צייט ווען מיר געוועקט. אומרו
ליגט נאָך אין יעדערנס גוף.
ערשטער דינער: קען זי יעדער פֿון אונדז?
צווייטער דינער: זי האַלט זיך צוריקגעצויגן —
הערשן איז נישט איר איינן,
דאָס פֿאָלק לעבט אין איר אָדער.
ערשטער דינער: איז דאָס וואָר?
צווייטער דינער: שטיל! זי קומט אַהער.

(שושנה קומט אָן.ביידע דינער בלייבן שטיל און פֿאַרניינן זיך).

שושנה: וואָס פלאָגט אייך, ווי דערשלאָגענע?
וואָס קלערט איר, ווי געפֿאַלענע?
געפֿאַנגען — איז מער ווי דינען!
צווייטער דינער: מיר זענען גרייט
ווין צו קעלטערן.
שושנה: גייטס, גייטס, שעפּטס ווין.
פֿון דערווייטנס האָב איך געזען
געסט. פֿאָלק און שופֿטים קומען.

(צום ערשטן דינער).

און דו?
ערשטער דינער: (שעמעוודיק) איך?

שושנה: (סודוסדיק) וואָס דריקט דיך?

(דער ערשטער דינער וויל שושנהן ענטוועךן. ער קוקט זי אָן, שווייגט).

שושנה: נייט, נייט און נרייט.
העלפֿן זאָל גאָט
אייך צו אייער אַרבעט.

(שושנה גייט צוריק אין הויז אַריין. די צוויי דינער קוקן איר נאָך).

צווייטער דינער: הערסט? — בענטשן.
ערשטער דינער: געדאַנקען — מענטשן.
איצט איילן מיר זיך,
אַז נישט וועט אונדז כאַפּן דער רוח!
גיכער, ניכער, פֿולן מיר דעם קעלטער.
משקה, משקה מאַכט פֿריילעך.

(ער כאַפּט דעם צווייטן דינער אַרום דעם האַלדז, סימולירט אַ שיכורן).

צווייטער דינער: ווײַן ברענגט היץ,
וואַרעמט דאָס האַרץ.
שלאָפֿן — וואַכן,
רוישן — לאַכן,
טרינקען — פֿאַרזינקען.

(די צוויי דינער גייען אַוועק. יהויקים און חילקיהו קומען אָן).

יהויקים: ווער קומט היינט?
חילקיהו: ווי יעדן טאָג — אויך היינט.
יהויקים: שוואַרץ, דאָס אויג פֿאַרשלייערט,
גאָרנישט זיך צו דערפֿרייען.
טישן דעקן — אַלעס גרייטן.
ווען וועלן מיר זיך אויפֿוועקן?
מיר גריסן מיט דערוואַרטנדיקע בליקן
די אָנקומענדיקע געסט.

חילקיהו: נעם זיי אויף.
אָפּטרייסלען זאָלן זיי דעם שטויב,
וואָס שלעפּן מיט זיך.
יהויקים: דערפֿילן וויל איך דיינע ווינטשן.
זיי זענען מיר הייליק, פֿאָטער.
וואָס וועט קומען שפּעטער?
אונדזערע טרערן זענען קוואַלן,
וואָס פֿולן בבלס וואַסערן.
חילקיהו: באַרואיק דיך, גאָט איז מיט דיר!
מיר וועלן בעטן —
גאָטס גנאָד דערהערן.
אפשר, אפשר —
וועט ער אונדז דערנענטערן
און אין אונדזער לאַנד פֿירן.
יהויקים: (קרעכצט) שווער, שווער דער צער.
חילקיהו: די צייט שווייגט,
אונדזער כוח נייגט. (פויזע).
ניין, ניין, נישט בייגן —
מיר מוזן אויפֿקומען.
יהויקים: די צייט האָט איר מאָס,
זי באַשטימט זיך אַליין.
גאָט, הער אונדזער געוויין!
חילקיהו: כל־זמן אונדזער פֿאָלק
איז בלינד, אָפּטריניק,
אַשטאַרטאַ, דער זון־באַפֿליגלטער גאָט
איז האָפֿנונג, טרייסט.
יהויקים: דיינע ווערטער זענען האַרט, שטייניק.
אויך דיין טאָכטער, מיין ווייב שושנה
בענקט. עס בענקט איר נשמה.
ווי שטאָלץ זענען געווען די טעכטער ציונס,
וואָס האָבן דערפֿרייט מיט שפּיל, טאַנץ.

מיר קענען אונדזערע פּרויען נישט מער,
זייער לעבן טעמפּ, אָן באַגער.

חילקיהו: איך פֿאַרשטיי
עס איז צייט־ווײ.
ווער וועט אונדז פֿירן?
ווער וועט זיך רירן?
דער אויסוועג איז
אונדזער איינן פֿאַרדינסט.

(ער גייט אַריין אין גאָרטן. יהויקים בלייבט צוריק, קוקט זיך אַרום. דער צווייטער דינער קומט אָן. ער נעמט אַראָפּ דעם קרוג פֿון זיין קאָפּ).

יהויקים: זע, קומט נישט אימיצער?
זע, ווי דער שטויבוואָלקן פֿאָרפּלט אויף —
זענען דאָס שלוחים, וואָס לויפֿן גאַלאָפּ?

צווייטער דינער: מיין האַר, איך זע נישט.
זיי קערעווען אין דער זייט.

יהויקים: בלייבט נישט קיינער שטייען?
טו אַ לויף, אַ שפּרונג —
זאָלן זיי אַהער
קומען, קומען שנעלער.

(דער צווייטער דינער לויפֿט שנעל אַוועק. יהויקים קוקט אים נאָך).

יהויקים: געטריי לויפֿט ער מיט פֿײלן־טריט
ווי אַ יונגער הערש אין וואַלד,
לויפֿט פֿריי, פֿריי דעם וועג.
שנעל־שנעל! אַהער און צוריק.
די זון פֿאַרנעמט זיך העכער —

(ער קוקט אויפֿן הימל. דער ערשטער דינער קומט אָן פֿונם הויז מיט אַ קרוג אויפֿן קאָפּ און אַ ברויט אונטערן אָרעם. יהויקים רופֿט אים).

יהויקים: אויך דו קום אַהער.

זע נור גוט —
קומט נישט דאָרט ווער?

ערשטער דינער: עס קומען פֿאָלק און שופטים.
אוודאי דין אָפּצוהאַלטן.

יהויקים: זעסטו גוט?

ערשטער דינער: יאָ, מיין האַר.
עס פֿירט זיי מיין ברודער.

(ער שטעלט אַנידער דעם קרוג אויף די טרעפּ. דאָס ברויט לייגט ער אַרויף אויף דעם קרוג. יהויקים זעצט זיך נעבן דעם קרוג אַנידער).

יהויקים: גיב מיר וויין.

(דער ערשטער דינער דערלאַנגט יהויקים דעם קרוג פֿון די טרעפּ).

יהויקים: שאַרף און פֿייערדיק איז ער —
שטעל אים אין קאַלטן אלקער.

(דער ערשטער דינער נעמט ביידע קרוגן מיטן ברויט פֿון די טרעפּ טראָגט עס אַריין אין הויז. דער צווייטער דינער קומט אָן צולויפֿן).

צווייטער דינער: דאָס פֿאָלק קומט.

יהויקים: רוף דעם פֿאָטער!

(דער צווייטער דינער גייט אָפּ. נאָך אַ ווײלע קומט ער צוריק אָן).

יהויקים: אַלעס געגרייט?

צווייטער דינער: מיר זענען גרייט.

יהויקים: גיי זאָג מיין פֿרוי,
אַז אַלעס זאָל זיין אָפּן:
טירן, טויערן, שאַנק און לאָדן.
די ברידער, וואָס קומען
מיט זייער ביטער עול
שווער באַלאָדן,

זאָלן זיך דערפֿרייען.
גיי — קיינער זאָל זיך נישט זאַמען.

(דער צווייטער דינער אָפּ. חילקיהו און דער ערשטער דינער קומען אָן).

יהויקים: פֿאָטער! מיין האַרץ זעטיקט
זיך פֿול מיט פֿרייד.
איך פֿיל ווי דער גרש —
— איז ווייט.
עס מיידן מויערן, שלעסער.
באַרויִקן, שטילן די זאָרגן,
וויאַזוי צילנדריקע פֿיילן בליצן,
פֿלאַמט אויף דער גייסט.
חילקיהו: דער גייסט, וואָס איז נישט באַשווערט,
קען נישט קיין אָפּגאָט, געצן.
דער גייסט, וואָס האָט פֿון אָנהויב געטראַכט
צו דערפֿינדן, צו באַזינגן די נאַטור,
שטאַרקט אַ יעדן לעבנס־אָדער.
איז עס נישט דאָס, וואָס איז אייביק וואָר?
יהויקים: טריט נאָך טריט,
טאָג נאָך טאָג.
האָרך איך
יעדן שאָרך.
חילקיהו: (צום ערשטן דינער) גרייט ברויט!

(דער ערשטער דינער אָפּ. חילקיהו ווייזט יהויקים די אָנקומענדיקע).

חילקיהו: קום זיי באַגריסן
די קייט שליסן,
די קומענדיקע צייט
באַפֿעסטיקן.

(מען הערט אַ געמורמל, עס קומען אָן מענטשן. דער ערשטער שופֿט גייט פֿאָראויס, אָנגעטאָן אין ווייס, רעדט מיט אַ בעל־דרשן־ניגון).

ערשטער שופֿט: שלום, דיין הויז חילקיהו.
חילקיהו: שלום, שלום אייך.
ערשטער שופֿט: פֿאָלק בונטעוועט!
חילקיהו: דאָס פֿאָלק טאָר מען נישט רייצן.

(דער צווייטער שופֿט קומט אָן מיטן געריכטסדינער, אַלע גריסן „שלום").

געריכטסדינער: האַלטן מוז מען דעם קיניגס געזעצן.
יהויקים: און אונדזערע — פֿאַר אונדז!
ערשטער שופֿט: דו, מיין קינד, ביסט יונג —
נעם נישט אויף אַלעס גרינג,
דער קיניג שענקט אונדז שוץ.
יהויקים: (אויפֿגערעגט) איך פֿאַרשטיי נישט, און גאָט?
ערשטער שופֿט: אין גאָט גלויבן מיר
דער קיניג איז זיין געזאַלבטער!
יהויקים: געזעצן זענען צערשטערער פֿונם גלויבן,
זיי זענען שטראָף פֿאַרן לעבן,
מיר, מיר, וואָס בענקען —
בוינן נישט אונדזערע רוקנס.

(יהויקים גייט אָפּ. דער ערשטער שופֿט רעדט צום־צווייטן שופֿט).

ערשטער שופֿט: דאָס יונגע דור
ליבט דעם שקר,
ווידערשפּעניקט!
צווייטער שופֿט: דעם קיניגס שטיץ איז בעל,
ער שטייט אין טאָל אויפֿן וועג,
שטייט געשלאָגן פֿון אַ פֿעלדרון־שטיק.
זיך אָפּווענדן. ווייטער פֿרעגן,
זעען נישט די אויגן
זיין מאַכט, זיין טעמפּל?
געריכטסדינער: (אין די רייד) געזוכט — געפֿרעגט,
קיינעם געפֿונען,

וואָס זאָל דעם חוק
אַנטרונען!

ערשטער שופט: הערסט, חילקיהו!
קיין אומרו.

חילקיהו: אומרו מאַכט טרויער,
אומרו דערנידריגט.
מיר ווילן זיין שטאַרק
ווי הויך אַמאָל פֿונם באַרג
האָט מען אונדז געשענקט
דאָס הייליקע דערקענטניש!

ערשטער שופט: חזרט איבער!

געריכטסדינער: היינט איז דער טאָג
געהייליקט, אָן קלאָג!

ערשטער שופט: (צום פֿאָלק) היינט איז שלום!

(דער געריכטסדינער און די אַרומשטייענדיקע מענטשן שרייען „שלום").

צווייטער שופט: אַ יעדער האַנדלט,
קיינער וויל שפּאַלטונג!

ערשטער שופט: פֿיטערן מוז מען די פֿיינטלעך,
זיי זאָלן נישט רויבן מיט די פיסקעלעך
און געוואַלדעווען מיט זייערע קולעכלעך.

צווייטער שופט: צו שפּייען אויפֿן אמת.
לעסטערדיקע לידער,
לייצים־ווערטער —
איז זייער שפּראַך —
דאָס פֿאָלק איז שוואַך.

יהויקים: (קומט אָן) קיין יום־דין היינט?

צווייטער שופט: היינט וויל זיך קיינער קריגן.

יהויקים: בעסער איז זיך גוט צו פֿאַרטראָגן.
אפשר וועט קומען אחרות?
אַ סוף מאַכן דעם גלות.

פוסטע בייזע אָנשיקעניש
דערהרגענען, סמען מענטשן.

ערשטער שופט: מיר זענען מענטשן!

(שושנה קומט מיט אירע בײדע מיידלעך אַרויס. די שופֿטים קוקן זי אָן).

שושנה: שלום אייך.

(עטלעכע פֿונם פֿאָלק ענטווערן „שלום". יהויקים גייט צו איר צו).

יהויקים: היינט מיין קינד, איז שלום.

שושנה: געלויבט איז גאָט, בענטש די היים,
שטיל אונזער בענקן
מאַך גליקלעך אונדזער הויז.

(דער ערשטער שופט דרייט זיך אַרום שושנהן און
גריסט זי מיט חניפֿה. שושנה קוקט אים נישט אָן).

יהויקים: (צו שושנהן) איך וואַרט אויף אַ שלוח.

ערשטער שופט: ער קומט תמיד שפּעטער!

שושנה: (צו יהויקים) איך בענק נאָך אים
בבל איז נישט אונדזער היים,
בבל האָט עורי־מקלט־שטעט —
בבל האָט קיין בית־המקדש.

חילקיהו: טרויערט נישט,
אייך באַגלייט
אייער טרייסט
אויף יעדן וועג,
תמיד און
פֿון גאָט געשענקט
די הייליקע אמונה.

שושנה: פֿאָטער, איך דאַנק.

(שושנה ווינקט מיט דער האַנט צו יהויקים'ן. ביידע גייען אַוועק).

ערשטער שופט: וועט נאָך אימעצער קומען?

צווייטער שופט: (קוקט צום הימל) מיטאָג איז.
(צום געריכטסדינער) היינט קיין דין!

(דער געריכטסדינער קלאַפּט מיטן שטעקן דריימאָל אין דער ערד).

געריכטסדינער: גאָט האָט היינט באַפוילן
לעבן זאָלן מענטשן אין שלום!

(דאָס פאָלק שרייט נאָך „שלום, שלום". דער ערשטער שופט ווענדט זיך צום צווייטן שופט).

ערשטער שופט: גייען מיר אַהיים.
געלויבט איז גאָט,
וואָס האַלט באַשטענדיק
שלום!

(אַלע זאָגן „שלום". — דער פירהאַנג פאַלט שנעל).

צווייטער אַקט

(חילקיהוס גאָרטן. פאָרנט שטייט אַ ברייטער בוים. ווייטלעך פירן וועגן צו אַ נידריקער מויער. די גאַנצע צייט הערט מען וואַסער רוישן. פון הינטן הערט מען האַרפן־קלאַנגען. מיטאָג איז. די בינע איז זייער ליכטיק. מען הערט שושנהס קול).

שושנה: מיר ווילן אויסשפרייטן אונדזערע
גענקאָוועטע אָרעמס
נישט פאַרקלעמען, קראַמפּהאַפט פעסט.
די וועלט איז פריי — זי וואַקסט
פאַרפלייצט, פרוכפּערט מענטשן־מאַסן.
שפּאָרנען, באַוועגן. זיך גליקלעך פילן
ווי־אַזוי אַ פויגל מיט זיין פלי
דערגרייך איך
טיף — הויך,
הימל — ערד.
גאָט!
נישט זאָל איך דאָס לעבן פאַרזאַמען.
אייביק וויל איך זינגען דיר — הימנען!
און האַלענדיק מאַכן די ציין פון שפּאָט!
בענטש, זאַלב מיך, דערפריי.
באַפריי מיך פון אומרו,
באַשירעם מיך מיט דיין קראַפט,
וואָס וואַקסט און שאַפט.

(שושנה קומט אָן. דאָס ערשט און דאָס צווייט מיידל באַגלייטן זי. אַלע זעצן זיך אונטערן בוים).

ערשט מיידל: זאָלן מיר ווייטער האַרפן שפּילן?

שושנה: איצט וויל איך הערן די זאַנגען
פון די פעלדער מיט רייפקייט קלינגען,
בליטן־באַלזאַם־ריח,
מאַכט מיך גליקלעך.
איר באַגלייט מיך טריט נאָך טריט.
איך לעב מיט אייך, בענק אין דערוואַרטונג
די קומענדיקע מינוט
פון בבלס אָפּגרונט.
העלף, העלף, גאָט!

(דאָס ערשט און דאָס צווייט מיידל קוקן זיך אָן).

שושנה: (מיט פאַטאָס) שרעקט אייך נישט!
איך רעד צו אייך,
וואָס מיין האַרץ פילט. (פויזע).

צווייט מיידל: זאָל איך דעם פעכער אויסשפּרייטן?

שושנה: פאַרגרעסער נישט דעם שטן,
וועלכער טאַנצט דעם טאַנץ־קאָראָהאָר.
בבל וויל פאַרשלינגען דעם ייד.
(צו בײדע מיידלעך) איך וועל אויפשטיין
און באָדן גיין.

(אַלע הייבן זיך אויף).

שושנה: זוכט אָפּ אין גאָרטן. לויפט אַרום,
באַפעסטיקט די רינגלען באַם צוים.

(דאָס ערשט און דאָס צווייט מיידל גייען אָפּ).

שושנה: (צו זיך) מיט די כוואַליעס וויל איך שפּילן,
אויפן וואַסער טרייבן מיין שיפל.
באַשיץ מיך, גאָט אין הימל,
פאַר בייזע באַנרעס־איבערפאַלן.

(דאָס ערשט און דאָס צווייט מיידל קומען אָן).

שושנה: קיינעם געטראָפֿן?
אין ערגעץ אָפּן?
אַלעם פֿאַרשלאָסן?

צווייט מיידל: ניין. קיינעם געפֿונען.

ערשט מיידל: אַלעם צו.

(אַלע אָפּ. מען הערט פֿייגל געפּילדער, וואַסער רוישן. בײַ דער מויער דערשיינט ערשטער שופט).

ערשטער שופט: (קומט אָן, גייט אומזיכער, קוקט אומעטום. מען זעט ווי ער גייט בגנבה. וואָרטשעט אין זיך אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער. ער איז גאַנץ פֿאַרשוויצט, ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פֿונם קאָפּ).

צווייטער שופט: (קומט פֿון דער אַנדערער זייט. סאַפּעט. ברומט. שוויצט און ווישט זיך דעם שווייס פֿונם קאָפּ. גייט צו צום אָרט פֿונם ערשטן שופט, זעט אים נישט. נאָך אַ רגע שטויסן זיי זיך צונויף. ביידע קוקן זיך אָן. חידושן זיך, לאָזן די נעז אַראָפּ. פֿאַרבלייבן פֿאַרשעמט שטיין. ווי איינער וואָלט דעם צווייטן גע־פֿרעגט: בקשׁתי?).

צווייטער שופט: (וויל די סיטואַציע ראַטעווען, פּלאָ:טערט מיט דער צונג) איך — איך — שטיק.

ערשטער שופט: (קומט צו זיך) מיין תּענוג! —
צו מיינע ביינער אַ קלאָג.
דאָס האַרץ קלעמט, נאָגט.

צווייטער שופט: אַ כלל — — —
דושנע, לאַנגווייליק.

ערשטער שופט: איין געדאַנק.
עס איז סקוטשנע.
גרייטן מיר זיך אין וועג,
געפֿונען, דערפֿרייען דאָס אויג.
צוויי אויגן זענען אַ פּאָרל,
די איינזאַמקייט פֿאַרטרייבט זיי.
די היץ גליט, פּייניקט.
דער טאָג ברענט די שעהען.
אָן אַפּעטיט דאָס עסן.

צווייטער שופט: (טרייסטנדיק) קום! אַנדערע געדאַנקען
היילן דעם גוף דעם קראַנקען.
קום! פֿיל דיך יונג, לעב.

ערשטער שופט: (זיסלעך, זיפֿצנדיק) — כלעבן! (פּויזע).

צווייטער שופט: שווער, שלעכט דאָס געשעפֿט,
ווילסט דיך אָפּזאָגן צו זיין שופט?

ערשטער שופט: (דערשראָקן) חס־וחלילה! —
אַלעם איז אַ קללה!
איז עפּעס בעסער?
מאַכט דאָס לעבן לייכטער?

צווייטער שופט: ניין, נישט דאָס האָב איך געמיינט.
מיט יאָרן ווערט מען אַלט. דראָזשענדיק,
פֿאַרגליווערט ווערן די ביינער
און אונדזער איינער —
(פֿאָרזיכטיק) זאָל זיך דערפֿרייען
זיין לעבן מיט יונגע פֿרויען.

ערשטער שופט: (קלאַפּט דעם צווייטן שופט אויף דער פּלייצע).

צווייטער שופט: (ווישט זיך דעם שווייס)
איך שוויץ, אומרחמנותדיק שוויץ.
אַ נישט קשהדיקע, פּייניקנדיקע היץ.

ערשטער שופט: (צוריקהאַלטנדיק) זיך אָפּרוען אין דער איינזאַמקייט?

צווייטער שופט: ניי, ניי געזונטערהייט.

(ביירע אָפּ. פּויזע. מען הערט וואַסער רוישן. פֿייגל־געפּילדער).

ערשטער שופט: (קומט אָן. גייט צו דער מויער צו קוקט אַריבער, דרייט זיך אום, דערזעט דעם צווייטן שופט אָנקומען, גייט אים כנגד מיט שווערע טריט)
איינס איז אונדזער געדאַנק: באַגער.
אויפֿלעבן אין אונדז דעם קלייכסטן אבר,
הייסט פֿאַרלאַנגען נאָך איר.
גייען מיר צוזאַמען. גייען מיר.

צווייטער שופט: איז עס גליק?

ערשטער שופט: (לאַכט).

צווייטער שופט: קום אין בעלס צייכן
וועלן מיר זי דערגרייכן.
קיין רגע פֿאַרלירן,
לעבן, נישט טרויערן!

ערשטער שופט: (קוקט זיך אום, דענקט נאָך).

צווייטער שופט: עס דאכט זיך מיר, אַז מיר האָבן עפּעס פֿאַרגעסן.
עס פּלאָגט נישט, עס יאָגט נישט אומיסטן,
אין פֿרעמדע סאָדן זיך צו וואַלגערן,
אַרומלויפֿן
זיך אומקערן, גייען און ווידער טרעפֿן.

ערשטער שופט: ווייסטו וואָס?

צווייטער שופט: איך זאָל נישט וויסן פֿון קיין שלעכטס!

ערשטער שופט: איך מיין — סתם —

צווייטער שופט: סתם איז גאָרנישט. ניין.

ערשטער שופט: אויב אַזוי — איז גוט.

צווייטער שופט: העלפֿן זאָל אונדז בעל־גאָט.
(ווישט זיך דעם שוויים) האָט נישט קיין פֿאַראיבל
דאָס האַרץ איז אַ פֿישל
לעבט אין די טיפֿענישן
און האָט ליב די זון.

ערשטער שופט: (איבעראַשנדיק, פּלוצים)
איך גיי אַהיים.
די נעץ צו וואַרפֿן,
דאָס פֿישל צו כאַפּן,
וויל איך נישט שטערן.

צווייטער שופט: בשום־אופֿן!
די יאָרן לויפֿן.
דאָס האַרץ קלאַפּט
ווי, ווער קען רוען?
אין די היצן זיך אָפּקילן.
דער מוח לעכערט
די אויגן פֿאַרגליווערט.

ערשטער שופט: (אין די רייד, אָפּזאָגנדיק) גאָט העלף!

(אָפּ).

צווייטער שופט: (איז געווען אַזוי אין זיך פֿאַרטראַכט, וואָס האָט דאָס אָפּגייען פֿונם ערשטן שופט אפילו נישט געזען. מאַכט אַ פּאָר טאַנ־צנדיקע טריט און רעדט צו זיך).

די לופֿט איז פֿול מיט שרצים,
די ערד מיט ווילדע חיות,
דאָס וואַסער פֿאַרבאָרגט טיפֿע נאָרעס
און אין מיר ברענט דער כעס.

דעם מענטשן גלוסט זיך תמיד.
דורכלעכערט דעם גוף מיט
גליענדיקע ניפּטיקע שפּיזן.
איך וויל זי טרעפֿן, האַלדזן.
איך וויל ווי אַ געפֿאַלענער
באַ איר מיך איינטוליען, שלאָפֿן.

(זעצט זיך אַנידער, דרימלט איין. פּויזע.
מען הערט פֿייגל־געפּילדער, וואַסער רוישן).

ערשטער שופט: (קומט מיט שטילע טריט אָן. זעט דעם
צווייטן שלאָפֿן, מאַכט מיט דער האַנט.
שלייכט זיך צו דער מויער צו. אָפּ).

צווייטער שופט: (כאַפּט זיך אויף. ער איז פֿונם ערשטן
אויפֿגעוועקט געוואָרן. צעלאַכט זיך)
האַ־האַ־האַ!

(הייבט זיך אויף. גייט דעם ערשטן שופט אַקעגן,
פֿרייט זיך וואָס ער האָט אים געטראָפֿן. דער
ערשטער שופט גייט פֿון דער מויער אַוועק).

צווייטער שופט: (מיט תאווה) אַ ציקאַווע זאַך,
אַ פֿיינער שפּאַס,
עס איז גוט און זיס.
ערשטער שופט: זיי שטיל — שאַ!

(מאַכט צום צווייטן שופט אַ באַרואיקטע באַוועגונג).

בענקען אָן אויפֿהער,
ציט אונדז אַהער.
פֿון ביידע זייטן געשליפֿן,
איז אונדזער שווערט.
מיר ווילן האָפֿן

און זי טרעפֿן.
די זון גליט, היצט
ברידער! — איין געראַנק פֿירט
אונדז צום דריטן מאָל.
אוודאי וויל דאָס דער גורל.
דערלאַנגען מיר זיך די הענט.
צווייטער שופט: (איבעראַשט) מיטן גאַנצן כּוח!

(וויל ווייטער רעדן).

ערשטער שופט: (פֿרייט זיך, דריקט די פֿרייד אונטער.
אַ דושנע לאַכן) האַ־האַ־האַ.
צווייטער שופט: אַזוי — דו לאַכסט?
ערשטער שופט: מאַגנעטיש איז יעדעס באַשעפֿעניש,
מיין האַרץ טאָר נישט זיין אַ געפֿענגניש
עס זאַמלט זיך אין מיר אַ באָרן —
אַ געוואַלט
עס שוועבט, האַלדזט מיך די געשטאַלט.
צו מיר זי פּרעסן. מיינע ליפּן זאָלן
זי באַרירן, סודות דערציילן.
צווייטער שופט: (לאַכנדיק) ווי דאָס לעבן קאָן פֿאַרשטריקן
מאָלן, חלומען — גליקן.
גוט, ווייסטו מיין ברודער
עד־היום קומט טויט־שטראָף
פֿאַר פֿאַרשוועכן אַ גוף. (פּויזע).

מיר איז שווער דאָס האַרץ,
וואָס ראַנגלט זיך נאָך יוגנט. (פּויזע).

איך גיי מיר וואַשן די פֿיס.
ערשטער שופט: אַ גוטע זאַך אין אַזאַ היץ.
צווייטער שופט: בלייבט געזונט.

ערשטער שופט: (פֿאַר זיך) אַ גוטער אויפֿטו
ברענגט רו.

(ביידע אונטער דער מויער אָפּ. פויזע. וואַסער רוישן, פֿייגל גע־
פילדער. אַלעס איז באַוועגט ווי אין אַ נאַטור־
רייכן גאָרטן. פּלוצים ווערט עס דורך געשרייען איבערגעריסן,
וועלכע לאָזן זיך פֿון אונטער דער מויער הערן).

שושנה: ווער, ווער נענטערט זיך?

(פויזע).

ווער, ווער נענטערט זיך?
ענטווערט!

ערשטער שופט: זיי שטיל — דער שופט!

שושנה: אויך פֿאַר אים איז עס פֿאַווערט.

צווייטער שופט: געליבטע, געליבטע!

שושנה: (שרייענדיק) צוויי מענער!

ערשטער שופט: און איין באַגער!

שושנה: (שרייט) פֿאַרשאָלטענע בעלם דינער.
געוואַלט! בייזער איינבראָך.

(מען הערט אומפֿאַרשטענדלעכע געוואַלט־
קולות פֿון די צוויי שופטים און שושנהן):

— מערדער
— אויסוואָרף
— מאַכט אייך נישט פֿרום!

(פויזע. עס ווערט רואיקער און מען הערט).

ערשטער שופט: וואָס שרייט זי?

צווייטער שופט: פֿאַרשטופּ איר דאָס מויל!

ערשטער שופט: (באַפֿעלנדיק) גיט אייך אונטער!

שושנה: ניין! ניין קיינמאָל!

גייט! גייט, איך בין אַנטבלויזט.
דערוואַגט מיך נישט צו באַפֿלעקן!
מענטשן, מענטשן העלפֿטס
ראַטעוועט!

(מען הערט אַ געראַנגל, אַ וואַרגנדיקן קאַמף. עס ווערט שטילער.

פויזע.

ביידע שופטים באַווייזן זיך. שלעפּן שושנהן. זי איז אין אַ טוך
איינגעהילט. שושנה וויינט, שרייט נאָך הילף, די שופֿטים לאַכן.
דינער קומען אָן צו לויפֿן).

ערשטער שופט: (צו די דינער) זעט אייער פֿרוי!

(די דינער חידושן זיך, קוקן זיך אַרום, קענען זיך נישט באַרואיקן,
זענען פֿון דער סיטואַציע איבעראַשט.
שושנה פֿאַרהילט איר קאָפּ, זיפֿצט).

צווייטער שופט: (צו אַ דינער) שנעלער, זוך אָפּ דעם
גאַנצן גאָרטן
ברענג אַהער דעם אומבאַקאַנטן,
וואָס איז געווען מיט איר אין באָד.

(אַ דינער זעט דעם וואָרנענדיקן קוק פֿונם שופט
טרויט זיך נישט קעגנצורעדן. שווער אַנטשלאָסן, אָפּ).

ערשטער שופט: (צו אַ צווייטן דינער) און דו לויף אין דער
צווייטער זייט
האַלט אין אויג וואָס קומט דיר אין וועג.
די שאַנד מוז ווערן אַנטפּלעקט.
(באַרימענדיק) — אַזאַ מין נעיִעג.

(דינער שוער, אָפּ).

ערשטער שופט: (מער צו די פֿאַרבליבענע דינער, דינסטן)

צושפרינגען איבער פלויטן —
זענען מיר היינט צו אַלט.

(די דינסטמיידלעך שושקען זיך):

— וואָס איז?
— ווער איז אַלט?

(דער ערשטער דינער וואָס איז אַוועק,
קומט פֿאַרסאַפּעט אָן).

ערשטער שופט: (שרייענדיק) אַלע ווינקלען אָפּגעזוכט —
איטלעכעם פֿאַרשטעק?

(ערשטער דינער קוקט זיך אומבאַהאָלפֿן אום. וואַרפֿט
אויף שושנה אַ בליק. טרויט זיך נישט צו רעדן).

ערשטער שופט: זאָג דעם אמת.
זאָג, דערצייל!
ווי זייער וואויל —
איז אייער פֿרוי.
רעד!

ערשטער דינער: (ציטערנדיק) איך — איך — —

(צווייטער דינער קומט אָן, דערוועגט
זיך נישט צו באַווייזן, וויל צוריק).

ערשטער שופט: (דערזעט דעם דינער, שרייט אים נאָך)
לויף, לויף אַהער,
פֿאַרשטעק דיך נישט.
דערציילט!

ביידע דינער: (שטאַמלענדיק) איך? איך?

צווייטער שופט: ווער־זשע פֿון אייך
איז געווען דער איך,
בײַ איר?

ביידע דינער: (אויפֿנערענט) מיר?

ערשטער שופט: (ווייזנדיק אויף זיך און אויפֿן צווייטן,
ברוגזלעך) מיר?!

ערשטער דינער: איך האָב —
(אַנטשלאָסן) קיינעם געפֿונען!

צווייטער דינער: (נאָכרעדנדיק, כאַפּט זיך אויף)
ניין, קיינעם געפֿונען!

ערשטער שופט: (צו די דינער, וואָרנענדיק) איר וועגט פֿון
זינען.
בושה פֿאַר דיר ציונס טאָכטער
וואָס פֿאַרבאָרגט מענער.

שושנה: (שרייט, מיט שטאַרק געוויין)
שקר — שקר!
(מיט אָפּשיי) בעלם דינער!

צווייטער שופט: נישט לייקענען קענט איר.
שפּילט, שפּילט מיטן פֿייער.
קענט איר אָפּלייקענען אייער זינד,
זאָגטס, זאָגטס אַצינד?

ערשטער שופט: (אין די רייד) — נענוג!
טאָפּלט די שטראָף.
מיר זענען עדות.

(ווייזנדיק אויף זיך און צווייטן שופט).

שושנה: (וויינט ביטער, שרייט)
רכילות!
רכילות!

(פּויזע).

ערשטער שופט: (אַנטשלאָסן) פֿירט זי איצט אַריין אין
שטראָפֿהויז
פֿאַרן אַנטהייליקן דעם אמת!

צווייטער שופט: מיר מוזן זיך רייניקן.
אָפּשטויסן, זנות!

(באַ דעם וואָרט „זנות" ווערט אַ גרויס געוודער באַ דער גאַנצער
רינערשאַפֿט. אַ שושקעכץ. שושנה
הייבט אָן שטאַרקער צו וויינען).

צווייטער שופט: (צו שושנה) ניי אומרייניקע!

ערשטער שופט: (כאַפּט שושנה באַ דער האַנט און שלעפּט
זי) אומרייניקע!

שושנה: (וויינט, נייט שווער אומוויליק, רעדט צו
זיך) נאָט, נאָט.
פֿאַרלאָז מיך נישט!

(דער פֿירהאַנג פֿאַלט שנעל).

ד ר י ט ע ר אַ ק ט

(אַ ברייטער פּלאַץ. אונטן איז אַ תּפיסה־הויז.
פֿאָלק דרייט זיך אַרום. מען הערט רעדן).

— דאָס אומגליק, נישט אויסצומאָלן.
— ווער קאָן זיך דאָס פֿאָרשטעלן,
— שושנה זאָל דאָס וועלן?
— קיינעם זאָל דאָס טרעפֿן.
— פֿאַרלוירן, פֿאַרפֿאַלן!
— פֿאַרלוירן אָן אַ פּסק־דין.
— פֿאַרשרינגן פֿון בייזע צונגען.
— דער דינער דערציילט, עס איז נישט
אמת.

— גלויבט נישט, גלויבט נישט דערין,
חילקיהו וויל זיין טאָכטער וואַשן ריין.
— דאָס דערציילט,
דער שופֿט!

— דער אַלטער שופֿט?
— וואָס?
— ניין, איך האָב גאָרנישט געהערט.
— יאָ פֿונם שופֿטס דינער,
ווערט מען געוואָר.

— אָט, אָט קומט ער.
— מען טאָר נישט פֿאַרשווערן.
— וואָס בעלי־הבתים קלערן
איז וואויל און גוט.

— וואָס זיי טוען איז גוט.
— ניין, זייער גוטסקייט איז וואוילקייט.

— דערציילט. דערציילט!

(געריכטסדינער קומט מיטן ערשטן שופֿט אָן, בלייבט באַם
פֿאָלק. דער ערשטער שופֿט אין שטראָף־הויז אָפּ).

— הערסטו, דינער, וואָס וועט זיין?
— איז צו גלויבן אין איר געוויין?
— איז די זאַך קלאָר?

געריכטסדינער: באַשולדיקט פֿאַר זנות.

(עס ווערט אַ וויינעשריי. אַ מורמלען):

— זנות.
— זנות!

(פּויזע).

(פֿונם שטראָף־הויז קומען אַרויס חילקיהו געשטיצט אויף יהויקים
און דינער. זיי זענען זייער אומעטיק. דערשלאָגן. גריסן מיט קאָפּ־
ניינגן. דאָס פֿאָלק ענטוועדט צום טייל שטום).

יהויקים: (אויפֿגערעגט צו חילקיהון)
פֿאָטער. פֿאָטער!
איך קען נישט דאָס געוויין הערן
דאָס בלוט קאָכט אין מיינע אָדערן.
אומזיסט, פֿאַרגיסט נישט שושנה טרערן.

(דרייט זיך אויס צום שטראָף־הויז)

זאָל קומען וואָס איז
די באַשולדיקונג: זנות.
איז נישט אמת!

(פּויזע)

ניין. נישט איצט און קיינמאָל.
אומשולדיקע שרייען נישט.

30

חילקיהו: קינד מיינס, דאָס קבר איז אָפן
אָפּגעצײלט, געמאָסטן זענען מײנע טריט.
ווי לאַנג נאָך, דויערן אַלטע טעג?

(אָטעמט טיף).

מיינע לעצטע טעג פֿאַרשפּאָטן —
מיך פֿאַר דאָס לעצט דעם לעצטן —
האַלטן.
דערנידריקן.
העלף —
גאָט!

(דער צווייטער שופט קומט אָן. צווישן פֿאָלק ווערט
אַ געמורמל. דער ערשטער שופט קומט פֿונם שטראָף־
הויז אַרויס. ביידע באַגריסן זיך).

ערשטער שופט: (צום געריכטסדינער)
פֿירט זי אַרויס!

(דער געריכטסדינער אָפּ אין שטראָפֿהויז. אַ חוץ די צוויי שופטים
בלײבט אַלעס אויף דער בינע ווי פֿאַר־
גליווערט שטיין. דניאל קומט אָן, גייט רויט
אָנגעטאָן, ער איז יונג, גייט מיט זיכערע
טריט, זיין רעדן איז איבערצייגנדיק,
מילד. צווישן פֿאָלק ווערט אַ באַוועגונג.
די צוויי שופטים שטעלן זיך כנגד
חילקיהו און יהויקים אַנידער. דניאל
שטעלט זיך אין דער זייט. פֿונם אַרום־
שטייענדיקן פֿאָלק הערט מען):

— עס איז אַן אויסדערוויילטער פֿונם
קינינס הויף.
— ער וויל אים מאַכן צום געהיימען ראָט.
— זיין פנים פֿאַרחושכט.

— עס געפֿעלט מיר נישט.
ניין. ניין מאַקע גאָרנישט.
— וועט ווערן היינט אַנטפּלעקט?
— עס וועט!
— מען פֿירט זי!

(אַלעס ווערט רואיק. אָפּגעהאַקט שטום. דערוואַרטונג. פֿונם
שטראָף־הויז ווערט שושנה אַרויסגעפֿירט.
זי איז אין אַ שוואַרץ קלייד איינגעהילט.
פֿונם פֿאָלק דערהערט מען קרעכצן, וויינען).

ערשטער שופט: (גייט אַקעגן, וויזט דעם געריכטסדינער
מיטן שטעקן, אַז ער זאָל שושנה אין
דער מיט אַנידערשטעלן און קלאַפּט מיטן
שטעקן)
מיר ווילן היינט
משפטן פֿאַר זינד
די טאָכטער פֿון חילקיהו.
דאָס ווייב פֿון יהויקים — שושנה
און באַמעסטן ווילן מיר די שטראָף,
וואָס זי האָט פֿאַרבראָכן, פֿאַרדינט!

(גיט דעם שטעקן דעם צווייטן שופט איבער).

צווייטער שופט: (נעמט דעם שטעקן און קלאַפּט מיט אים)
קודם וויל איך דערציילן,
נישט אומשולדיקע קווילן,
פֿונם תוך האָבן מיר זיך איבערגעצייגט
געפּרואווט (אַרויסכאַפּנדיק זיך)
אָפּגעשמועסט —
מיר האָבן נישט געוואָלט קיינעם
באַשולדיקן.
מיר האָבן זי, שושנה, אַליין געטראָפֿן

אונטערן פּלויט, ערגיץ־וואו אין גאָרטן
אָפּטריניק אונדזערע זיטן!
מיר אַליין האָבן זיך געחידושט,
מיר האָבן אַלע מפורשים געפּרואווט
און צו דער דערקענטניש געקומען
אַז אַ יידישע טאָכטער, וואָס זינדיקט,
איר איינגן בלוט מיט פרעמדס
פֿאַראומרייניקט
צו משפּטן דעם דין אין זיין נאָמען,
וואָס לאָזט אַ יערעם באַשעפֿעניש לעבן
קויקלט — צייטן — מענטשן.

(ווישט זיך דעם שוויס, כאַפּט אָטעם.
פּויזע)

נישט אויסקלערן קען דער קאָפּ
פֿאַר זינדיק בלוט די שטראָף:
טויט!

(ער קלאַפּט דריימאָל מיטן שטעקן, גיט אים דעם געריכטסדינער צו
האַלטן. צווישן פֿאָלק ווערט אַ באַוועגונג).

צווייטער שופט: (גייט צו צו שושנה, וויל זי אַנטבלויזן).
ערשטער שופט: זעט ווי זי לאַכט און וויינט!

(טייל פֿונם פֿאָלק שטופּט זיך צו זען).

צווייטער שופט: זי לאַכט און וויינט,
פֿאַרהילט אירע שיינקייט.
ווי איז ער — דיין געליבטער?
פֿאַרבאָרגן ליגט ער?

(שושנה הייבט אָן צו וויינען. אַלע קוקן זי אָן.
פּויזע.

דער געריכטסדינער וויל מאַכן פּלאַץ שושנה
אָפּצופֿירן, ביידע שופטים שטעלן זיך אין דער
זייט און לאַכן. חילקיהו און יהויקים ווילן זיך
שושנה דערנענטערן.
דניאל גייט אַרויס פֿונם פֿאָלק און פֿאַרשטעלט
דעם וועג).

דניאל: (מיט עקסטאַז) בלייבט שטיין!
אָפּגעקלאַפּט דעם פּסק־דין
מיט אייער שטעקן?
דער שטעקן האָט צוויי עקן,
וועלכער עק — איז שטיץ,
איז באַגרינדונג, געזעץ.

(דאָס פֿאָלק און די שופטים דערשרעקן זיך, בלייבן אין דער זייט
שטיין. דער געריכטסדינער לאָזט פֿאַר שרעק
פֿאַלן דעם שטעקן. דניאל הייבט דעם שטעקן
שנעל אויף, שפּרינגט צו, קלאַפּט מיטן שטעקן).

דניאל: ווידערשפּעניקסטיק, לעסטיק פֿאָלק
פֿאַרשטאָפּסט דיינע אויערן,
דיינע אויגן מאַכסטו בלינד
דערקענסטו נאָך נישט אַצינד
ווי אָנגעקופּעט איז שקר אויף שקר
פֿאַלטש עדות אויפֿגעשטעלט.
ערשטער שופט: (אין די רייד) גלויב אים נישט
אפשר איז ער עס גראָד
אַנטלאָפֿן פֿון יענעם אָרט.

(צווישן פֿאָלק ווערט אַ געטומל).

דניאל: (שטאַרק אויפֿגערעגט,
שרייט אַלע איבער)
הערט מיך! מיין האַרץ זאָגט,

באַפוילן האָט מיר אונדזער גאָט!
נישט פון נעכטן און היינט
נאָך פון אָנהויב — אייביקייט
נאָכצוזעטנקען אַלע מכשפים
וואָס ווילן הרגענען שטום
אַ קרבן.
ווילדע חיות.
בייזע אָנשיקענישן
קלערן מער
ווי איר מענטשן,
שלאַנגען וואָס שפייען סם,
רוצחים וואָס ווילן רויב,
מאַכן דאָס נישט האַלנדיקער
ווי די צוויי שופטים
מיט זייער שקר.

(כאַפט אָטעם)

— ווילט איר זען?

(פונם פאָלק הערט מען):

— יאָ.
— יאָ!

דניאל: מען האָט אונדז אַלע
אַהער צונויפגערופן,
אָן אויסהער וויל מען שטראָפן.
די זאַך איז נישט ריין,
קלאָר געקלערט.
מעג זיין וואָס עס וויל
הער, פאָלק!
גאָטס קול!

פאָלק פון אַ מיצריש־דור,
פאָלק וואָס דיין נאַקן איז שווער,
סתם האָסטו קיינמאָל געגלויבט
ווען באַוויזן האָט זיך דיר גאָט.
תמיד האָסטו פאַרלאַנגט:
ניסים,
צייכנס —
צו באַווייזן דעם אמת!

(צו די שופטים)

איר וועט מוזן באַווייזן,
אויב נישט — וועט אייך גאָטס שווערט
האַלדזן!

(גערודער צווישן פאָלק, מען הערט):

— ער רעדט גערעכט.
— נאָכאַמאָל די זאַך נאָכגיין.
— נאָכאַמאָל.
— נאָכאַמאָל.
— נאָכאַמאָל.

יהויקים: (פאַר זיך) פון גאָט געשיקט —
זיין נגאָר!

(צום פאָלק)

בת־קולות
רוח־הקודש,
וואָס לעבט אין יונגען דור
באַווייזט זיינע אייגענע וואונדער.
גאָטס געדאַנקען זענען זיינע ווענט.

(צו חילקיהו)

פֿאָטער, פֿאָטער,
ווער עס וויינט מיט אַזאַ געשריי
קען נישט זיין אומטריי.
גאָט העלף אין דער נויט.

צווייטער שופט: (אין די רייד) איך דיין זון וועט ווערן
באַשטראָפֿט.

דניאל: (מישט זיך אַריין) — ווען דער אמת
פֿאַרלאַנגט.

(מיט פּאַטאָס צום פֿאָלק)

אימריק פֿאָלק!
איין ווינק —
געדענק!

(צווישן פֿאָלק ווערט אַ געטומל, זיי טרעטן צוריק.
פֿונם פֿאָלק הערט מען):

— ער וויל אונדז שטראָפֿן!

דניאל: פֿאָלק, ווערסט אַליין זאָגן,
וועמען מען זאָל פֿאַרקלאָגן.

(קלאַפּט דריימאָל מיטן שטעקן, אַלעס בלייבט רואיק שטיין)

גאָט וועט פֿאָרשן!
איר זאָלט הערן!

(עס הייבן זיך הענט, מען הערט שטימען ווי):

— יאָ, יאָ!
— העלפֿטס,
— העלפֿטס!

— העלפֿטס!
— מיר ווילן נישט זינדיקן.

(די צוויי שופטים בלייבן רואיק שטיין, וואַרפֿן איינער צום אַנדערן
אומבאַהאָלפֿענע בליקן. פּויזע).

דניאל: (צו די שופטים) איצט זאָל איינער גיין,
דער צווייטער זאָל דאָ בלייבן.

(ערשטער שופט מיטן געריכטסדינער אָפּ)

מיר וועלן אים פֿרעגן

(צום פֿאָלק)

— הערט!

(צום שופט)

— דערציילט:
אונטער וואָס פֿאַר אַ בוים
איז זי באַגאַנגען אירע זינד?
ווי האָט איר זי געכאַפּט?

צווייטער שופט: (האַלט זיך צוריק, דענקט נאָך).

דניאל: ווי איז געווען דאָס פֿאַרשטעק?
באַשרייבט גענויער דאָס אָרט!

צווייטער שופט: ווען איך געדענק —
אין גאָרטן
אין מיטן
— — —
באַם דאָמב.

דניאל: (צום שופט) איצט גייט,
און פֿאַרבלייבט!

(צווייטער שופט אָפּ. עס קומט אָן דער ערשטער שופט).

ד נ י א ל: (צום שופט) דערציילט!
באַשרייבט דאָס אָרט!
ע ר ש ט ע ר ש ו פ ט: (דערשראָקן) אונטערן —
ד נ י א ל: (אויפגערעגט) נישט וויל איך אייך
דערמונטערן,
וועקן. וואָס האָט איר דערפאָרשט,
באַשרייבטס!
ע ר ש ט ע ר ש ו פ ט: (געצוואונגען, אומזיכער) אונטערן פלויט,
באַם ליפע־בוים.

(אויפברויז אין פאָלק, אַ געטומל, מען הערט):

— אַנטפּלעקט!
— וויי צו אונדז.
— אונדזערע שופטים פאַלטש!

(יהויקים גייט צו צו שושנה, נעמט איר דעם שלייער אַראָפּ).

ד נ י א ל: זאָל דער צווייטער צוריק
בײדע עדות אויסגעהערט.
געלעסטערט דאָס געזעץ,
דערציילט איצט שושנה!

(דער צווייטער שופט קומט מיטן געריכטסדינער. שטעלט זיך נעבן ערשטן אַנידער).

ש ו ש נ ה: (שוואַך) איך בין צום טייך באָדן געגאַנגען.
מיינע דינסטן האָב איך געשיקט
אַרומרינגלען,
אָפּזוכן דעם גאַנצן גאָרטן
— און פלוצים
פון בײדע זייטן, באַפאַלן
מיך די שופטים.
זיי שלעפּן מיך

זיי וואַרגן מיך.
און איך — אַ פרוי

(פויזע)

זיך קיינמאָל נישט געקריגט
ניין קיינעם אָנגעקוקט
בין מאַכטלאָז שטיין געבליבן,
נישט געקאָנט עפענען מיינע ליפּן.

(פויזע)

זיי זענען מיך איבערפאַלן
מיט זייערע גיפטיקע פיילן
און מיך גלייך באַשולדיקט!

(פויזע)

זיך צו ווערן?

(פויזע)

איך בין געווען נאַקעט.
ד נ י א ל: (אין די רייד, שרייט) גענוג!

(אויף דער בינע בליצט עס, דאָס פאָלק הייבט אָן צו שרייען):

— אמת!
— אמת!
— אמת!

(מען הערט דינערן. דאָס פאָלק דערשרעקט זיך. אויף אַ ווינק פון דניאל פירט דער געריכטסדינער בײדע שופטים אין שטראָפהויז אָפּ. דניאל האַלט זיי אויף אין מיטן וועג).

ד נ י א ל: (צו די שופטים) דאָס אומשולדיק בלוט
וואָס איר האָט געוואָלט

פֿאַרגיסן,
פֿאַרלאַנגט זיין משפּט.

(קלאַפּט מיטן שטעקן).

דניאל: — טויט!

(דאָס פֿאָלק הייבט אָן צו שרייען, וויל זיך אויף די שופטים וואַרפֿן. די שופטים גייען מיט שנעלע טריט אין שטראָפֿהויז אָפּ. חילקיהו און יהויקים מיט שושנה בלייבן פֿאָרנט שטיין).

חילקיהו: (רייכט שושנה די האַנט, באַגריסט זי)
שלום.

יהויקים: (באַגריסט זי מיט טרייסט)
אמת, אמת־לעולם־ועד!

(דער פֿירהאַנג פֿאַלט שנעל).

פֿון דעמזעלבן מחבר זענען דערשינען:

די אשמורה

א י י נ אַ ק ט ע ר

פֿאַרלאַג פֿון דר. ה. גלאַנץ, ווין, 8., לאַנגעגאַס נר. 30

אין דער „התקוה“, ברין, 1925, 2. העפֿט:
„פֿאָגראָם־צייט. דריי יונגע יידן ליגן אויף דער פֿאָדלאָגע אין אַ שטיבל, פֿאַרצווייפֿלט פֿון די לעצטע רדיפֿות־טעג. זיי ווילן שלאָפֿן — קענען נישט. זיי ווילן זיך דורך ווערטער אייפֿמונטערן, דאָך, רייסן זיך אַראָפּ פֿון זייערע ליפּן ווערטער פֿון אומגליק, נסיסה און קללה. — אַ עכט, דערלעבט און צווינגענדיק ביכל“.
—ק.

אויף אַ גרינער לאָנקע

ק י נ ד ע ר ש פּ י ל

פֿאַרלאַג פֿון אַ. ב. צעראַטאַ

אַ גאָר פֿיין לוסטיק שפּיל פֿאַר קינדער
מיט מוזיק פֿון זיגמונט וואָלפֿזאָן

אין גיכן דערשיינען:

מזל־טוב, אַ יינגל

קאָמעדיע אין דריי אַקטן

גאַז־קעלער

צייטשפּיל אין דריי אַקטן